# פרשת ויקרא ג׳ - ט׳ אדר ב׳ תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר״ר **יואל שטיינבערג** הי״ו. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או״ח הל׳ נטילת ידים סימן קנ״ח סעיף ט׳) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז מען האט געדארפט געבן א מחצית השקל, בקע לגלגולת מחצית השקל בשקל הקודש (שמות לח-כו). דער פסוק איז מסביר, וואס איז דער בקע לגלגולת, בקע איז א מין מטבע וואס איז א האלבע שקל, מחצית השקל בשקל הקודש. לכאורה איז עס א דאפעלטע לשון, וואס דארף מען זאגן בקע לגלגולת, יעדער זאל געבן א בקע, וואס דער בקע איז א מחצית השקל. מחצית השקל און בקע איז דאך די זעלבע מטבע, איז גענוג אז מען זאגט אז מען דארף געבן א מחצית השקל. מען זעהט נישט ווען דער אייבערשטער האט מצווה געווען אויף די מצוה אין פרשת כי תשא, אז דער אייבערשטער זאל הייסן אז מען זאל געבן א בקע. זה יתנו כל העובר על הפקודים, מחצית השקל בשקל הקודש (שם ל-יג), מען זאל געבן א האלבע שקל.

**עס** קען זיין, ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.). די גמרא (מגילה יג:) שטעלט זיך אויפן פסוק (אסתר ג-א) אחר הדברים האלה גדל המלך אחשורוש את המן, וואס איז ׳אחר הדברים האלה׳, נאך וועלכע זאכן האט דער מלך גרויס געמאכט המן. זאגט די גמרא, נאך די מעשה פון בגתן און תרש. ווייל דער אייבערשטער שלאגט נישט יודען, נאר אז ער טוט קודם באשאפן די רפואה פאר די מכה. דער אייבערשטער האט באשאפן קודם די רפואה, ער האט צוגעגרייט די ישועה פון בגתן ותרש, וואס מרדכי האט פארציילט פארן מלך, און ער איז געווארן פארשריבן אין ספר הזכרונות, און בלילה ההוא נדדה שנת המלך, דאס האט געברענגט די ישועה. און אזוי שטייט אין פסוק (הושע ז-א) כרפאי לישראל ונגלה עון אפרים. קודם וועט זיין ׳כרפאי לישראל׳, מען האט צוגעגרייט די רפואה, און נאכדעם ׳ונגלה עון אפרים׳, וועט קומען דער עונש, וואס דורכדעם וועט נתגלה ווערן אז מען האט געזינדיגט. ביי יודען טוט דער אייבערשטער קודם באשאפן די רפואה, און נאכדעם גיט ער די מכה, אבער באומות העולם אינו כן, ביי אומות העולם טוט דער אייבערשטער קודם שטראפן די אומות העולם, און נאכדעם טוט ער באשאפן די רפואה.

**די** גמרא (עבודה זרה נה.) זאגט, אז בשעת מען שיקט יסורין אויף א מענטש, באשווערט מען די יסורים וועלכע טאג זיי זאלן גיין צום מענטש, און וועלכען טאג זיי זאלן אוועקגיין, און וועלכע דאקטער זאל עס אוועקנעמען, וועלכע מעדיצין זאל עס אוועקנעמען. און דאס מיינט דער פסוק (דברים כח-נט) וחליים רעים, דער אייבערשטער שיקט שלעכטע קראנקייטן, ונאמנים, און באגלייבטע. רעים בשליחותן, די יסורים וואס דער באשעפער שיקט איז ביטער, ונאמנים בשבועתן, און זיי זענען באגלייבט אין זייער שבועה, זיי קומען אין דעם דאטום וואס מען האט זיי געשיקט, און זיי גייען אוועק אין דעם דאטום וואס מען האט זיי פארדעם משביע געווען אז זיי זאלן אוועקגיין.

**דער מהרש״א** זאגט אויפן פלאץ, אז אפילו עס איז דא א זמן וואס עס דארף אוועקגיין, דאס איז נאר ווי אזוי עס איז אויסגעשטעלט אויבען, אבער תשובה תפלה און צדקה מעבירין את רוע הגזירה, מען קען ממשיך זיין די ישועה פריער אויך. אבער אפילו עס איז נישטא קיין תשובה תפלה און צדקה, איז עס אויסגעמאסטען ווען עס זאל קומען, און ווען עס זאל גיין. זעהט מען אז דער אייבערשטער האט באשאפן די רפואה פאר די מכה, נאך בעפאר דער אייבערשטער שיקט די

יסורים, איז שוין דא א זמן ווען די יסורים וועלן אוועקגיין. ווייל דאס איז די מדה וואס דער אייבערשטער שטראפט יודען, אז ער גרייט אן קודם די רפואה, און נאכדעם קומט די מכה.

**ביי** פורים האט נישט נאר דער אייבערשטער מקדים געווען די רפואה, די מעשה פון בגתן ותרש, וואס האט צוגעגרייט די ישועה, נאר די רפואה איז צוגעגרייט געווארן אסאך פריער. די גמרא (מגילה יג:) זאגט, גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהן לשקליו, והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים. דער אייבערשטער האט שוין מקדים געווען, און אונז געגעבן די מצוה פון שקלים, ווייל עתיד המן לשקול שקלים על ישראל, און די מצוה פון מחצית השקל איז מגין, אז די שקלים פון המן זאלן נישט קענען ברענגען די גזירה. קומט אויס, אז דער אייבערשטער האט מקדים געווען די רפואה פאר די מכה, אז נאך אסאך יארן פאר די גזירה פון המן האט אונז דער באשעפער געגעבן די מצוה פון מחצית השקל, וואס די מצוה פון מחצית השקל איז מגין אויף די גזירה פון המן.

**ביי** די נס פון פורים האט מען געהאנגען המן, און מען האט אויך געהאנגען זיינע צען קינדער, ואת עשרת בני המן תלו (אסתר ט-יד). עס שטייט אין תוספות (שבת צב., חגיגה יא.), אז עס איז געווען א חילוק צווישן די תליה פון המן, און די תליה פון די קינדער. המן האט מען געהאנגען לעבעדיגערהייט, און דאס איז מיתת חנק, מען ווערט דערווארגען דורך די תליה, דאס איז געווען די מיתה פון המן. די תליה פון די עשרת בני המן, האט מען זיי קודם גע'הרג'ט, מען האט זיי אראפגענומען די קאפ, און נאכדעם האט מען זיי אויפגעהאנגען אן די קאפ. וועגן דעם האט מען זיי געהאנגען אויף דעם זעלבן בוים וואס מען האט געהאנגען המן, כדי מען זאל וויסען אז עס איז זיינע קינדער, ווייל אויב נישט, וועט מען נישט ווער עס הענגט, מען האט נישט געקענט זעהן די פנים פון די וואס מען האט געהאנגען, זיי זענען געווען קטועי ראש.

**עס** שטייט נישט אין תוספות, ווי אזוי מען האט זיי גע'הרג'ט. אבער מען געפונט ווען שמואל האט גע'הרג'ט אגג, שטייט אין פסוק (שמואל א טו-לג) וישסף שמואל את אגג, און דער תרגום טייטשט, אז ער האט אים געשפאלטען די קאפ, און אזוי האט ער אים געהארגעט. און רש"י זאגט, אז ער האט אים געשפאלטען די קאפ אין צווייען, אויף פיר חלקים האט ער אים צוהאקט די קאפ, און אזוי האט ער געהארגעט דעם אגג.

**זעהט** מען אז ביי מחיית עמלק, בשעת מען האט גע'הרג'ט די עמלקים, האט מען זיי געשפאלטען דעם קאפ. בקע לגלגלת איז טייטש, אז מען צושפאלט יענעם די גלגולת. 'בקע לגלגלת', דאס וואס מען האט געשפאלטן די קעפ פון די עשרת בני המן, איז ווייל מחצית השקל בשקל הקודש, ווייל הקדים הקב"ה שקליהן לשקליו, ווייל דער אייבערשטער האט מקדים געווען די מצוה פון מחצית השקל.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **יהודה לייב** נ"ו, בן הר"ר **דניאל בלומענפעלד** הי"ו (בן הר"ר **יצחק מאיר בלומענפעלד** הי"ו) שהתקיים באולם סקווירא (ב"פ).

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של החתן **אברהם אבא** נ"ו, בן הר"ר **שלום יוסף הערשקאוויטש** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **חיים עזריאל מיללער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת ויקרא</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו הגדול. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **זאב שווארץ** הי"ו, ושל בן הר"ר **יעקב שאהנבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הבריתות השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט די וואן, אדם כי יקריב מכם קרבן לה', מן הבהמה מן הבקר ומן

הצאן תקריבו את קרבנכם (ויקרא א-ב), און נאכדעם שטייט וסמך ידו על ראש העולה. זאגט דער **חתם סופר**, עס איז ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), די הלכה איז, אז א ערל, איינער וואס איז נישט גע'מל'ט, קען נישט אריינקומען אין בית המקדש ברענגען זיין קרבן. ער קען שיקן זיינע קרבנות מקריב צו זיין, אבער ער אליין קען נישט אריינקומען אין בית המקדש ברענגען זיין קרבן. אז מען שיקט א קרבן, פארפעלט מען איין זאך, ווי ווען מען איז אליין מקריב זיין קרבן. ווען מען איז אליין מקריב דעם קרבן איז דא סמיכה פאר די שחיטה, וסמך ידו על ראש העולה, אבער ווען מען שיקט דעם קרבן מקריב צו זיין, איז נישטא קיין סמיכה אויפן קרבן. קומט אויס אז ווען מען וויל מקיים זיין די מצוה פון א קרבן ווי עס דארף צו זיין, דאס צו ברענגען אין בית המקדש, און קענען אויף דעם סומך זיין, דארף מען קודם זיין גע'מל'ט.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, 'אדם כי יקריב מכם קרבן לה'', ווען א מענטש וועט קודם פון זיך מקריב זיין א קרבן פארן אייבערשטען, מילה דאס איז א קרבן וואס א מענטש ברענגט פון זיך אליין, נאכדעם 'מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם', נאכדעם ווען ער וועט ברענגען א קרבן אין בית המקדש, און 'וסמך ידו על ראש העולה', און ער וועט אויך קענען סומך זיין. אבער טאמער עס וועט פעלן דעם אדם כי יקריב מכם קרבן, עס פעלט די ברית מילה פון פארדעם, קען ער אויך ברענגען א קרבן, אבער וסמך ידו איז נישט דא ביי אזא קרבן.

**אויב** דער **חתם סופר** זאגט, אז אדם כי יקריב מכם קרבן, גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, קען אפשר זיין א כוונה אין די קשר פון מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם. ווען א מענטש האט געזינדיגט ברענגט ער א בהמה פאר א קרבן, לכאורה אדם חטא בהמה מה חטאה, וואס איז די בהמה שולדיג, אז ווייל דער מענטש האט געזינדיגט, נעמט מען די בהמה און מען שחט עס.

**זאגט** דער הייליגער **רמב"ן** (ויקרא א-ט), ווען א מענטש ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, דארף ער טראכטען, אז לעולם וואלט ער געדארפט זיין דער קרבן פארן אייבערשטען. ער האט געזינדיגט, וואלט זיך אים געקומען אז ער זאל זיין א קרבן. נאר דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אים, און דער אייבערשטער האט אים אויסגעלייזט. און ביי יעדע זאך וואס מען טוט מיטן קרבן, דארף ער טראכטען אזוי ווי מען וואלט עס געטון מיט אים. ווען מען שחט דעם קרבן, דארף ער טראכטען ווי מען וואלט אים געשחט'ן, און ווי מען וואלט אים ארויפגעלייגט אויפן מזבח, און אזוי ווייטער.

**מען** געפונט ביי אברהם אבינו, ווען ער האט געברענגט יצחק אויף די עקידה, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תשלח ידך אל הנער, ואל תעש לו מאומה (בראשית כב-יב), האט ער געברענגט א שה וואס דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען, און פאר יעדע זאך וואס ער האט געטון פארן שה, האט ער געזאגט יהי רצון עס זאל ווערן גערעכנט, כאילו איך וואלט עס געטון פאר מיין קינד. דער יהי רצון איז נישט סתם א פזמון און א תחינה אז עס זאל ווערן גערעכנט אזוי ווי מען האט עס געטון מיט מיר, נאר א מענטש דארף זיין דערביי, כדי עס זאל ווערן גערעכנט פאר א קרבן. אויב מען וויל אז דער קרבן זאל זיין פאר אים א כפרה, עס זאל אים דערמאנען, און עס זאל אים אויפקלערן אז ער זאל וויסען וואס עס וואלט זיך אים געקומען, און ער זאל חרטה האבן אויף זיינע חטאים, און זיך צוריקקערן צום אייבערשטען, ווייזט מען אים א סימבאל, מען ווייזט אים וואס מען דארף צו טון, כדי ער זאל עס מחשיב זיין אויף זיך. ווען א מענטש ברענגט א קרבן, און ער טראכט אבער נישט אז ער איז חייב, און מען וואלט עס געדארפט טון פאר אים, נאר ער ברענגט א קרבן, ווייל מיט אפאר דאלער קען ער אפוואשען זיין עבירה וואס ער האט געטון, האט די קרבן נישט א חשיבות.

**'זאת** תורת העולה', די תורה פון די עולה איז, 'הוא העולה על מוקדה' (ויקרא ו-ב), אז ער וואלט געדארפט זיין דער עולה על מוקדה, נאר דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט, און מען האט גענומען אנשטאט אים א בהמה. אבער נישט ווייל

איך שחט א בהמה, וועגען דעם איז נמחל געווארן זיין חטא. טאמער ברענגט ער א קרבן, און ער האט נישט די כוונה, איז ער אזוי ווי א דובר שקרים, ער ברענגט א קרבן, ער ווייזט אז מען וואלט דאס געדארפט טון מיט אים, און ער איז נישט דערביי.

**וואו** ווייזט ארויס א מענטש, אז ער איז זיך טאקע גרייט מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען, דורך מצות מילה. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג), זו מילה (גיטין נז.). דער טאטע נעמט זיין קינד, און ער מל'ט אים, וואס דער צער פון א אייגען קינד איז אסאך מאל שווערער ווי דער צער פון זיך אליין. וויפיל מענטשען זענען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם צער, און מציל זיין דאס קינד פון פלאגן זיך. ווען א יוד מל'ט זיך, או ער מל'ט זיין קינד, מיט דעם ווייזט ער, אז ער איז דערביי זיך מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען. אבער טאמער ער איז נישט גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, ער איז נישט גרייט אויף מצות מילה, וואס פאר א חשיבות האט ער אז ער ברענגט א קרבן, און עס ווערט גערעכנט כאילו ער וואלט זיך מוסר נפש געווען, ער האלט זיך דאך נישט ביים מוסר נפש זיין. אפילו דאס ביסל וואס מען האט געבעטן פון דיר, מצות מילה, ביזטו אויך נישט מקיים. קומט אויס, אז כדי עס זאל נחשב ווערן א קרבן וואס מען ברענגט, מוז קודם זיין מצות מילה, וואס מיט דעם ווייזט ער אז ער איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען, און נאכדעם ווען ער ברענגט א קרבן, זאגט ער, לעולם וואלט איך מיך געדארפט מוסר נפש זיין, אבער דער אייבערשטער האט עס אויסגעלייזט מיט א קרבן.

**ווען** עס איז 'אדם כי יקריב מכם קרבן לה', ווען דער מענטש איז קודם פון זיך מקריב א קרבן פארן אייבערשטען, ער מל'ט זיך, און ער מל'ט זיין קינד, וואס דאס איז אזוי ווי א הקרבת הקרבן, נאכדעם 'מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם', קענט איר ברענגען א קרבן מן הבקר ומן הבהמה ומן הצאן, און עס איז 'קרבנכם', עס איז כאילו דו האסט זיך מקריב געווען, ווייל וואס מען טוט מיט די בהמה, ווערט גערעכנט אז מען טוט עס מיט דיר. אבער טאמער עס פעלט די 'אדם כי יקריב מכם קרבן', עס פעלט די מצות מילה, ער איז נישט גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען אפילו אויף אזויפיל, האט די קרבן נישט א חשיבות.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **נפתלי הירצקא בערגער** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד מישקאלץ שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **יצחק אשר ישעי' לייפער** שליט"א (ר"י צאנז זוועהיל יוניאן סיטי, בן כ"ק האדמו"ר מחוסט שליט"א, א"י), שהתקיים באולם כתר צבי.

*

***יום שלישי פרשת ויקרא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יודל מאשקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אייזיק לייב וואלקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם עדן פאלאס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל, והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו, שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ליהודים** היתה אורה ושמחה וששון ויקר (אסתר ח-טז), די גמרא (מגילה טז:) דרשנ'ט, אורה זו תורה, שמחה זו יום טוב, ששון זו מילה, ויקר אלו תפלין. און רש"י זאגט, אז המן האט גוזר געווען אז מען

זאל נישט מקיים זיין די אלע מצות. און ווען עס איז בטל געווארן די גזירה, האבן יודען ווייטער געקענט מקיים זיין די מצות התורה, תורה און מילה און תפלין.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **שפת אמת**, אז ער שטעלט זיך, פארוואס שטייט דעמאלטס די לשון אורה ושמחה וששון, זאל שטיין בפירוש, ליהודים היתה תורה מילה תפלין. פארוואס האט ער עס מלביש געווען אין אזא לשון, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר, זאל שטיין בפירוש וואס עס איז געווען.

**זאגט** ער אזוי, אוודאי האבן יודען מקיים געווען אלע מצות אפילו נאך די גזירה אויך. יודען האבן אין אלע דורות וואס איז געווען גזירות אויף יודען, מקיים געווען אלע מצות. די מעלה וואס איז געווען ביי די נס פון פורים איז, אז די גמרא (שבת פח.) זאגט, קימו וקבלו (אסתר ט-כז), הדר קבלוהו באהבה. די תורה האט מען מקבל געווען אלץ א עול, און ביי די נס פון פורים האט מען עס מקבל געווען מתוך שמחה. דאס הייסט, אז מען האט פארשטאנען די חשיבות פון תורה, מען האט פארשטאנען די חשיבות פון א ברית מילה, די חשיבות פון תפלין, עס איז נישט א עול וואס מען האט ארויפגעצווינגען, כפה עליהם הר כגיגית. די נקודה איז צוגעקומען ווען עס איז געווארן די ישועה פאר יודען.

**דאס** אז יודען האבן געהאט תורה, דאס דארף מען נישט פארציילען, אוודאי, עס איז קיינמאל נישט בטל געווארן תורה פון יודען. אבער אז א יוד זאל שפירן אז עס איז נישט דא א אנדערע ליכטיגקייט נאר תורה. עס איז נישט דא א אנדערע שמחה ביי א יוד, נאר ווען עס איז דא א יום טוב. עס איז נישט דא א ששון ביי א יוד, נאר ווען ער קען מל'ן א קינד. עס איז נישט דא א חשוב'ערע זאך אויפן קאפ, ווי ווען מען טוט אן די תפילין, דאס איז צוגעקומען דעמאלטס.

**ליהודים** היתה אורה, זו תורה, אז מען זאל פארשטיין אז די תורה דאס איז די אורה, און אז מילה דאס איז דער ששון, דאס איז צוגעקומען דעמאלטס בשעת עס איז געווען די ישועה פאר יודען. ער וויל נישט סתם פארציילען אז יודען האבען געהאט תורה און מצות, יודען האבן זיך קיינמאל נישט דערשראקן פון גזירות אויף די תורה. אבער די ישועה וואס דער אייבערשטער האט דעמאלטס געטון איז געווען, אז יודען זענען צוגעקומען צו די הכרה, און זיי האבן מקבל געווען די תורה מתוך שמחה, מען האט געוואוסט אז עס איז נישטא א ליכטיגערע זאך ווי תורה, עס איז נישטא א גרעסערע שמחה ביי א יוד, ווי ווען ער קען זיך אוועקגעבן פארן אייבערשטען.

**מען** קען אפשר צוגעבן א ווארט, אז יודען האבן מקיים געווען מצות מילה, אפילו נאך די גזירה אויך, אבער מען האט דאך געוואוסט אז עס איז דא א גזירה, און א יעדעס יודיש קינד וועט שפעטער זיין אין די גזירה פון להשמיד ולהרוג ולאבד. און ווי דער סדר איז ביי א גזירה, וויל מען דאך באהאלטן דאס יודישקייט, אז מען זאל נישט זיין אין די גזירה. יודען האבן געוואוסט אז מיט דעם וואס מען מל'ט א קינד, מיט דעם וועט מען האבן א צייכן אויפן קינד, אז דאס קינד איז א יודיש קינד. און ווען עס וועט קומען די גזירה, וועט מען הרג'נען דאס קינד. איז ווען מען האט מקיים געווען די מצוה פון מילה, האט געפעלט די שמחה דערפון, ווייל מען האט געוואוסט אז מיט דעם טוט מען אריינברענגען דאס קינד אין די גזירה, אז ער וועט אויך זיין אין כלל פון להשמיד להרוג ולאבד.

**ווען** דער אייבערשטער האט געהאלפן און עס איז בטל געווארן די גזירה, איז די מילה געווארן א ששון. ביז יעצט איז אויך געווען מילה, אבער דער ששון האט געפעלט ביי מילה. ליהודים היתה אורה ושמחה וששון זו מילה, אז די מילה זאל זיין מיט א שמחה, דאס איז צוגעקומען ווען עס איז געווען די ישועה. ביז יעצט האט מען מקיים געווען די מצוה, און מען האט נישט געוואוסט וואס עס וועט זיין דער סוף דערפון, קען זיין אז דורך דעם וועט מען צוברענגען אז דאס קינד וועט זיין אין כלל פון די גזירה, אבער יעצט האט מען מקיים געווען די מצוה בשמחה.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** עס איז דא א ווארט פון **רבי עקיבא איגר,** דער נביא (ישעיה סו-יג) זאגט, אז דער אייבערשטער זאגט פאר יודען, כאיש אשר אמו תנחמנו כן אנכי אנחמכם, אז לעתיד לבא וועט ער טרייסטן יודען, אזוי ווי א מאמע וואס טרייסט איר קינד. מען וואונטשט דאך אן, אז דער אייבערשטער זאל מנחם זיין, כאבילי ציון וירושלים. האט ער געזאגט, פארוואס גיט ער די משל, אזוי ווי א מאמע טרייסט א קינד, אזוי וועט דער אייבערשטער אונז טרייסטן. פארוואס זאגט ער די לשון, אזוי ווי א מאמע טרייסט א קינד.

זאגט ער זייער א שיינעם געדאנק. ווען מען קומט צו א אבל, און מען טוט אים מנחם זיין, איז זייער שווער מנחם צו זיין, פארוואס, ווייל קען דען א מענטש שפירן דעם צער וואס דער אבל שפירט, אז ער זאל אים קענען מנחם זיין, ער איז דאך א פרעמדער. מען קען מנחם זיין, און מעודד זיין, אבער מען קען אמאל פילן, אז יענער שפירט נישט דעם צער פון וועם ער איז מנחם. אבער ווען א טאטע גייט אוועק, און עס בלייבט איבער א מאמע מיט א קינד, ווען די מאמע איז מנחם דאס קינד, קען דאס קינד נישט זאגן, עס איז גרינג פאר דיר מנחם צו זיין, ווייל דו ליידסט נישט, די מאמע לייד פונקט אזוי ווי אים, און נאך אפשר מער פון אים. און אז דער וואס ליידט ער איז מנחם, דאס איז א אמת'דיגער ניחום. אזוי ווי א מאמע וואס טרייסט א קינד, וואס די מאמע שפירט אויך מיט דעם צער פונעם קינד, ווייל זי האט דעם זעלבן צער, און פון דעסטוועגן דאך טרייסט זי דעם קינד, דאס איז די ריכטיגע נחמה, און אזוי וועט דער אייבערשטער טרייסטן יודען. - אסאך מאל איז שווער אפילו צו טרעפן די ווערטער, ווי אזוי מען זאל קענען מנחם זיין אין אזא צייט. מען דארף זיך נאר מחזק זיין, און מעודד זיין, נישט צו פארלירן דעם בטחון.

*

לעת ערב, התקבצו קהל רב לשמוע את דבר ה' – **דרשת ז' אדר** - מאת **רבינו שליט"א.** בשלחן המזרח פיארו, הרבנים הגאונים **דייני קהלתינו הק'** שליט"א, הגה"צ **אב"ד שומרי שבת** שליט"א (ב"פ), הרה"ג **רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, הרה"ג **רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה, **האדמו"ר מקולבאסוב שליט"א** (וומסב"ג), הגה"צ **רבי יעקב ישכר בער ראזענבוים שליט"א** אב"ד נדבורנא לינסק (וומסב"ג), הרה"ג **רבי אלישע חיים הורוויץ שליט"א** אב"ד שערי תפלה (לאורענס), הרה"ג **רבי אליעזר ליפא זילבערמאן שליט"א** מראצפערטא, וראה"כ אונגוואר, הרה"ג **רבי צבי געללער שליט"א** דומ"ץ באבוב (וומסב"ג).

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש במשך למעלה משני שעות. לאחר הדרוש בגדולת משה רעיא מהימנא, הספיד את הרבנים הגאונים שנסתלקו בשנה העבר, ומהם: **הגאון האדיר רבי שמואל הלוי וואזנער זצ"ל, כ"ק האדמו"ר מערלוי זצ"ל, כ"ק האדמו"ר מטאהש זצ"ל, כ"ק האדמו"ר מסערעט וויזניץ זצ"ל, האדמו"ר מבלאזשוב זצ"ל, הגאון רבי חיים ישראל בעלסקי זצ"ל** ר"י תורה ודעת, **הגאון רבי אלי' יהושע געלדצעהלער זצ"ל** נשיא ישיבת אור ישראל, **הגאון רבי צבי מאיר גינזבערג זצ"ל** ראב"ד אגודת הרבנים, הגאון **רבי חיים שאול גריינימאן זצ"ל, הגאון רבי רפאל שמואלעוויטש זצ"ל** ר"י מיר, **הגאון רבי יהודא ארי' טרעגער** ר"י ווילרייק, ועוד.

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט"א** דברי מוסר והתעוררות בענינים העומדים על הפרק, ומהם: **להזהר בקדושת הבית שיהיה ראוי להשראת השכינה • לחנך הבנים מתוך קורבה ואהבה, ולהיות דוגמא לבני ביתו בהנהגתו, ובקיום המצות בחביבות, שמשאיר רושם עז בבית • חיזוק להלושי כשרון שיכולים בשאיפה חזקה וברצון עז להתגדל להיות גדולי תורה • לעמוד על המבחנים המתקיימים מידי חודש בחדשו • סכנות הכלים הטעכנולוגיים, ולהשתמש בהם רק בחותם שהוא מאושר • האבות יקנו לבניהם סלפון כשר לקראת חתונתם • בגודל כח התפלה על הצלחת הבנים.**

אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

*

__*ערב שבת פרשת ויקרא*__

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד, והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש גרויסווארדיין. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף יואל פסאפעסארקי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה.

*

__*שבת קודש פרשת ויקרא*__

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הרב רבי **לוי יצחק לינדנער** שליט"א. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

***יום ראשון פרשת צו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל כתיבת ספר תורה שנכתבה על ידי מחותנו **הגה"צ רבי יצחק אייזיק טירנויער שליט"א** אב"ד שומרי שבת, שהתקיים באולם הילמאן פלאזא.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פערלשטיין ע"ה (אלמנת הר"ר **יוסף פערלשטיין** ע"ה).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' פורים סימן תרצ"ד) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט געליינט די וואך אין די הפטורה, אז דער אייבערשטער האט געהייסן פאר שאול המלך, לך והכית את עמלק, והחרמתם את כל אשר לו, ער זאל גיין חרוב מאכן עמלק, והמתה מאיש עד אשה מעולל ועד יונק, משור ועד שה מגמל ועד חמור, ער זאל אויסהרג'נען אלע מענטשען און אלע בהמות. שאול האט נישט אזוי געטון, וירב בנחל (שמואל א טו-ג), ער איז ארויסגעגאנגען זיך קריגען, און ער האט למעשה איבערגעלאזט אגג, און ער האט אים נישט גע'הרג'ט. און אלע בהמות וואס זענען געווען גוטע בהמות, האט ער אויך איבערגעלאזט, און ער האט זיי נישט גע'הרג'ט. ער האט נישט מקיים געווען וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט. האט דער באשעפער געשיקט שמואל אז ער זאל זאגען פאר שאול, אז ער האט אים ממאס געווען פון צו זיין א מלך, און די מלכות פון שאול וועט זיך נישט האלטן.

**די** גמרא (יומא כב:) טייטשט, וירב בנחל, ער האט זיך געקריגט אין א נחל, א נחל איז בדרך כלל א טאל, און דער **מהרש"א** רעדט אויס, אז עמלק איז נישט געווען אין א נחל, עמלק'ס פלאץ איז געווען אויף א בארג (במדבר יד-מה). אז מען האט זיך געדארפט קריגען מיט עמלק, האט מען געדארפט מלחמה האלטן אויף א בארג, נישט וירב בנחל. דרשנ'ט די גמרא, על עסקי נחל, ער האט זיך אין זיך אליין געקריגט אויף די ווערטער וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, ווייל ער האט געהאט א חשבון מיט די הלכה פון עגלה ערופה וואס מען האט געברענגט ביי א נחל. ער האט אזוי געזאגט, אז מען טרעפט איינעם וואס מען האט גע'הרג'ט, און מען ווייסט נישט מי הכהו, האט מען געדארפט ברענגען א עגלה ערופה בנחל, דאס הייסט אז די תורה האט חס געווען אויף א נפש פון א מענטש. כל הנפשות הללו על אחת כמה וכמה, דא וואס עס איז דא אזויפיל נפשות וואס מען גייט הרג'נען, איז דאך אוודאי אז מען דארף חס זיין. נאך האט ער געזאגט, אם אדם חטא בהמה מה חטאה, ווען א מענטש זינדיגט, פארוואס דארף מען הרג'נען אלע בהמות. גדולים חטאו קטנים מה חטאו, נאר די גרויסע האבן געזינדיגט. וירב בנחל, ער האט זיך געקריגט אין די ווערטער פונעם אייבערשטען, פון די הלכה וואס מען געפונט ביי א עגלה ערופה וואס מען ברענגט אין א נחל. און וועגן דעם האט ער נישט מקיים געווען די ווערטער פונעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**אויף** די שאלה וואס ער האט געפרעגט, אדם חטא בהמה מה חטאה, פארוואס דארף מען הרג'נען די בהמות, איז די תירוץ בפשטות, ווייל עס איז דא א מצוה מוחק צו זיין זכר עמלק, תמחה את זכר עמלק (דברים כה-יט). יעדע זאך וואס עס האט צוטון מיט עמלק, דארף מען מוחה זיין, כדי עס זאל נישט איבערבלייבען א זכר פון אים. אבער רש"י אין שמואל (שם) זאגט א אנדערן טעם, פארוואס מען האט געדארפט הרג'ענען די בהמות, ווייל די עמלקים זענען געווען גרויסע בעלי כישוף, און זיי האבן זיך געקענט טוישן, צו מאכן פון א מענטש די צורה פון א בהמה. און ווען מען איז זיי געקומען הרג'ענען, האבן זיי אויסגעקוקט ווי א בהמה, און נאכדעם האבן זיי זיך צוריקגעטוישט, און געווארן מענטשען. א בהמה דארף מען טאקע נישט הרג'ענען, אבער ווער זאגט אז דאס איז א בהמה,

אפשר איז עס א מענטש. וועגן דעם האט מען געדארפט הרג'ענען אלע בהמות, ווייל זיי האבן זיך געטוישט, און אויסגעזען אזוי ווי א בהמה.

**די** גמרא (סנהדרין סז:) זאגט, אז כישוף לאזט זיך אויף אין וואסער, ווען מען קומט צו א וואסער האלט זיך נישט די כישוף. די גמרא פארציילט אז זעירי האט אמאל איינגעקויפט א חמור אין אלכסנדריא של מצרים, א פלאץ וואס איז געווען מלא כישוף, און ער האט געריטן דערויף, און ווען ער איז אנגעקומען צו א וואסער, איז עס געווארן א שטיק ברעט. מיט כישוף האבן זיי געמאכט אז עס זאל אויסקוקען ווי א חמור, אבער עס איז געווען א שטיק ברעט. האט ער גענומען דעם ברעט און ער איז צוריקגעגאנגען צו דעם מוכר, און ער האט אים געזאגט, וואס האסטו מיר פארקויפט דא. איך האב געקויפט ביי דיר א חמור, און דו האסט מיר געגעבן א ברעט. האט ער אים געזאגט, איך וואלט דיר נישט געדארפט צוריקגעבן דאס געלט, ווייל עס איז נישטא איינער וואס קויפט א בהמה אין מצרים וואס טראגט עס נישט קודם צום וואסער, קוקען צו עס איז א בהמה צו נישט. ביזט אליין שולדיג, ווייל דו האסט עס געדארפט טראגן צום וואסער, און דו האסט עס נישט געטראגען. אבער אזוי ווי דו ביסט א חשוב'ער מענטש, וועל איך דיר צוריקגעבן דאס געלט.

**קומט** דאך אויס, אז דער אייבערשטער האט געהייסען אז מען דארף הרג'ענען די בהמות, ווייל אפשר האבן זיי זיך געמאכט מיט כישוף פאר א בהמה. איז דאך דא א עצה דערויף, מען וועט נעמען די אלע בהמות, און מען וועט זיי טראגען צום וואסער, און די בהמה וואס וועט בלייבען א בהמה וועט ער לאזן לעבן, און די בהמה וואס וועט געטוישט ווערן, די וועט ער הארגענען. און קען זיין אז ער האט טאקע אזוי געטון, ווייל דער גאנצער טעם איז דאך נאר, ווייל איך בין חייש אויף כישוף. 'וירב', ער האט זיך געדינגען, 'בנחל', אז עס איז דא א עצה, אז מען זאל זיי טראגן צו א נחל פון וואסער, נחלי מים, און אז מען טראגט זיי צו א וואסער, וועט עס זיך צולאזן אויב עס איז כישוף. און אז עס וועט בלייבן א בהמה, וועט מען עס נישט הרג'ענען, ווייל אם אדם חטא בהמה מה חטאה, וואס האט די בהמה געזינדיגט.

*

**ווען** שמואל איז שפעטער אנגעקומען צו שאול, האט אים שאול מקבל פנים געווען, און ער האט אים געזאגט, ברוך אתה לה', דו זאלסט זיין געבענטשט פארן אייבערשטען, הקימותי את דבר ה' (שמאל א טו-יג), איך האב מקיים געווען די ווערטער פונעם אייבערשטען. עס איז דא א הייליג ווארט פונעם **רוזינער**, שאול האט געזאגט הקימותי את דבר ה', ער האט דאך נישט מקיים געווען דעם דבר ה'. דער אייבערשטער האט געהייסען אז ער זאל הרג'ענען יעדן איינעם, און ער האט איבערגעלאזט אגג מיט די בהמות. וואס איז טייטש הקימותי את דבר ה', איך האב מקיים געווען די ווערטער פונעם אייבערשטען.

**האט** דער הייליגער **רוזינער** געזאגט, ווען ער וואלט געהרג'עט אגג, וואלט דאך אויסגעקומען אז עס וואלט נישט געווען די נס פון פורים. כי בחמלתו על אגג, נולד אויב (בפיוט אשר הניא), פון דעם וואס ער האט איבערגעלאזט אגג, פון דעם איז שפעטער ארויסגעקומען המן. מען געפונט דאך אין די גמרא (שבת פח.), קימו וקבלו (אסתר ט-כז), דורך דעם נס פון פורים האבן יודען נאכאמאל מקבל געווען די תורה. מעיקרא האט מען עס מקבל געווען נאר בכפיה, כפה עליהם הר כגיגית (שבת שם), און פון אהבת הנס האבן זיי נאכדעם מקבל געווען די תורה מיט א אהבה. קומט אויס, אז ווען ער וואלט גע'הרג'ט אגג, וואלט אויסגעקומען אז עס וואלט נישט געווען א פורים, און אז עס וואלט נישט געווען א פורים, וואלט מען נישט מקבל געווען די תורה מתוך שמחה, מען וואלט עס נאר מקבל געווען מתוך כפיה, איז עס נישט א קבלת התורה. האט ער איבערגעלאזט אגג, כדי עס זאל ארויסקומען די נס פון פורים, און אז עס וועט ארויסקומען דער נס פון פורים, וועט מען נאכדעם מקבל זיין די תורה מתוך אהבה.

**ווען** שאול האט געטראפן שמואל, האט ער אים געזאגט, איך ווייס אז איך האב איבערגעלאזט אגג,

און אפשר ווערסטו מיר פארהאלטן דערויף, אבער 'הקימותי את דבר ה', איך האב מיט דעם מקיים געווען די גאנצע תורה. ווייל דורכדעם וואס איך האב איבערגעלאזט אגג, וועט דאך זיין פורים, און יודען וועלן מקבל זיין די תורה מתוך אהבה, און מקבל זיין תורה מתוך אהבה, דאס איז הקימותי את דבר ה', מיט דעם האב איך מקיים געווען די ווערטער פונעם אייבערשטען.

*

***יום שני פרשת צו***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שאול יחזקאל פריעדמאן** הי"ו (חתן הר"ר שמחה פריעדמאנן הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זאגט אין די מגילה (אסתר ח-טז) ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר. די גמרא (מגילה טז:) דרשנ'ט, אז ליהודים היתה אורה, גייט ארויף אויף תורה, אורה זו תורה. יודען האבן געהאט תורה, נר מצוה ותורה אור. שמחה גייט ארויף אויף יום טוב, עס איז געווארן א יום טוב ביי יודען. ששון גייט ארויף אויף מצות מילה, שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב (תהלים קיט-קסב). ויקר גייט ארויף אויף תפלין, תפלין ווערט אנגערופן יקר. רש"י טייטשט, אז המן האט גוזר געווען אז יודען זאלן נישט מקיים זיין די מצוות. און ווילאנג עס איז געווען די גזירה האט מען נישט געקענט מקיים זיין די מצוות. און אזוי ווי די גזירות זענען בטל געווארן, ליהודים היתה אורה, האט מען געקענט לערנען תורה, און מען האט געקענט מקיים זיין מצות מילה, און מען האט געקענט מקיים זיין מצות תפלין. זאגט די פסוק, ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז מען וויל זאגן אז יודען האבען געהאט תורה, קען מען עס זאגן גראד, און מען דארף נישט געבן קיין משלים דערויף. ליהודים היתה תורה, יודען האבן געהאט תורה. פארוואס זאגט ער, ליהודים היתה אורה, און אורה איז תורה.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. עס שטייט אין **דעת זקנים** פון די **בעלי תוספות** (פ' משפטים), אז עס איז געווען א גר וואס האט זיך מגייר געווען, און ער איז געווען פון א משפחה פון מלכים. ווען ער איז אהיימגעקומען האט אים זיין פעטער דער מלך געפרעגט, פארוואס ער האט זיך מגייר געווען. האט ער געזאגט, ווייל ער האט געוואלט לערנען די תורה פון יודען. האט ער געפרעגט, פארוואס האסטו זיך געדארפט מל'ן. האט ער געזאגט, ווייל אז מען מל'ט זיך נישט, האט מען נישט קיין השגה אין תורה. מגיד דבריו ליעקב (תהלים קמז-יט), דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר איינער וואס איז נימול אזוי ווי יעקב, דער קען האבן א השגה אין תורה, אבער אז נישט, קען מען נישט משיג זיין תורה. אז ער וויל פארשטיין חכמת התורה, האט ער זיך געדארפט מל'ן.

**א** גוי האט אויך חכמה, אזוי שטייט אין מדרש (איכ"ר ב-יט) בגוים אין תורה (איכה ב-ט), אבער חכמה בגוים תאמין. חכמה איז דא ביי גוים אויך, אבער משיג צו זיין נישט נאר די חיצונית פון תורה, נאר אויך די פנימיות פון תורה, די ליכטיגקייט וואס איז דא אין תורה, דאס קען מען נישט צוקומען, נאר אז מען האט זיך געמל'ט. אין חיצוניות, צו קענען נאכזאגן א מימרא פון די גמרא, דאס קען א גוי אויך. די וועלט זאגט נאך פון **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל**, אז ער האט געקענט א גוי אין אקספארד, וואס האט געקענט גאנץ ש"ס. אבער ווען מען האט אנגעהויבן אביסל צו דרייען, האט ער נישט געוואוסט וואס צו זאגן. ער האט עס אדורכגעלערנט, און ער האט עס פארשטאנען אזוי ווי א קליין יונגעל וואס לערנט ביי אונז אין חדר, אבער נישט מער פון דעם. און דאס איז טייטש, אז ווילאנג מען האט נישט די קדושת המילה, קען מען נישט משיג זיין די ליכטיגקייט וואס איז דא אין תורה.

**יודען** האבן שטענדיג געהאט תורה. אבער ליהודים היתה אורה זו תורה, אז די תורה זאל זיין א ליכטיגקייט אויף א אופן פון אורה, אז מען זאל פארשטיין די ליכטיגקייט וואס איז דא אין תורה, דאס איז צוגעקומען ליהודים היתה אורה. זיי האבן נישט געהאט אז די תורה זאל זיין א בחינה פון

אורה, פארוואס, ווייל מען האט דאך גוזר געווען אויף מילה. און אז עס איז נישט דא קיין מילה, קען דאך נישט זיין די תורה א אורה, און וועגן דעם, יעצט אז עס איז בטל געווארן די גזירה פון מילה, איז ממילא געווארן די תורה א אורה. ליהודים היתה אורה, זו תורה, די תורה איז געווארן א אורה ביי יודען. פארוואס, ווייל עס איז געווען ששון, מען האט געקענט מקיים זיין די מצוה פון מילה. און אז עס איז דא מצות מילה, קען מען זוכה זיין צו תורה.

**וועגן** דעם וואונטשט מען אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, מען זאגט נישט ביי אנדערע מצות, אזוי ווי מען האט געלייגט תפלין זאל מען קענען מקיים זיין אנדערע מצוות, ווייל ברית דאס איז די וועג אריינצוגיין אין תורה. כשם שנכנס לברית, מען האט אנגעהויבן מיט ברית, כן יכנס לתורה, זאל ער קענען ווייטער אריינקומען אין תורה.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ברילל ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם ברילל** ע"ה).

***מתוך השיחה:***

**נסתובב השיחה אודות העיר סערדאהעלי**

**רבינו:** מען האט עס גערופן ירושלים דסלאוואקיי. מיין טאטע ז"ל פלעגט פארציילן, אז ווען **רבי יהודא אסאד זצ"ל** איז געגאנגען אננעמען די רבנות איז ער געווען ביים **חתם סופר זי"ע** זיך ראטן צו ער זאל אננעמען די רבנות צו נישט. האט ער געזאגט פארן **חתם סופר**, אז ער האט מורא, ווייל עס איז א שטאט פון תלמידי חכמים, און מען זאגט, אז א יעדע שטענדער איז א 'מורינו'. מורינו האט געהייסען אמאל, אז ער איז נישט א עם הארץ נאר א תלמיד חכם. און דער **חתם סופר** האט אים מחזק געווען אז ער זאל גיין, און ער דארף נישט מורא האבן.

שפעטער נאכדעם וואס ער האט אנגענומען די רבנות, האט ער זיך געטראפן מיטן **חתם סופר**. פרעגט אים דער **חתם סופר** ווי אזוי גייט עס. האט ער געזאגט, ב"ה עס האט זיך זייער פיין איינגעגעבן, ער האט נאר געהאט איין טעות. אז ווען ער איז געגאנגען האט ער געמיינט, אז יעדע שטענדער איז א 'מורינו', אבער ווען ער איז אנגעקומען איז ער געוואר געווארן, אז יעדער 'מורינו' איז א שטענדער. זיי זענען טאקע תלמידי חכמים, אבער... בעל בתי'ש.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **יואל צבי בינעט** נ"ו, עב"ג בת הר"ר **משה הארטשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **חיים אלטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה ליכטענשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכד **הרה"ג רבי יצחק אהרן גאלדבערגער שליט"א**, שהתקיים באולם דיקאוריעם. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

*

***יום שלישי פרשת צו***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל ההכנסת ספר תורה שנכתבה על ידי הרה"ג **רבי אלעזר גלאנץ** שליט"א. **רבינו שליט"א** הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מנחם מענדל רייך** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**אביו הר"ר משולם זושא:** ער האט קיינמאל נישט גערעדט ביים דאווענען. ער האט געהאט א שיעור מיט א חבר, וואס זיי האבן יעדן טאג געלערנט

סידור. ער האט געהאלטן יעצט ביי זמירות לליל שבת קודש.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל פלעגט פארציילן, אז דער **טורי זהב** האט געהאט א אלטן טלית, און עס איז געווען צעריסן, און מען האט עס געלאטעט, און ער האט קיינמאל נישט געלאזט טוישן דעם טלית. און ער האט געזאגט, אז ער וויל אז נאך הונדערט און צוואנציג יאר זאל דער טלית מעיד זיין אויף אים, אז ער האט קיינמאל נישט געהאט א מחשבה זרה ביים דאווענען. - הייינט עכ"פ אז דער טלית זאגט, אז מען האט נישט אויסגערעדט ביים דאווענען, איז עס אויך חשוב.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **שמחה ברייער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פישל שעכטער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

*

***יום חמישי פרשת צו - פורים***

ביום הפורים כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה, קיים מצות משלוח מנות [לרבני ואדמור"י העיר]. אחר כך נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

בשעות הערב [אחר תפלת מעריב] נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים השנית בביתו נאוה קודש, והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים וערגה - ניגוני חב"ד עתיקים - המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת. בעת הסעודה האציל **רבינו שליט"א** מברכותיו ברכת כהן על ראש צאצאיו ובני המשפחה שיחיו.

[אחר השעה עשר עבר **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר אף על קצה המזלג גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה קרוב לחמש שעות, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, מילין קדישין בערגה בעת שזכה לחסות בצל צדיקים הקודמים, כשזכה לראות עבודתם ותהלוכותם בקודש בעת הסתופפותו בצלם, שיחות קודש במעלת התפלה ועבודתה, ואמירת מזמורי תהלים שנחשב כאילו אמרם דוד המלך ע"ה, דברי חיזוק באמונה ובטחון ואהבת השי"ת, אשרי עין ראתה כל אלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה, **ורבינו שליט"א** מגביר השירה והשמחה באופן נעלה מאוד. בין הפרקים נשמעו דברי בדחנות מהרה"ח **רבי שרגא בלומענבערג** הי"ו, ובנועם אמרותיו ובחרוזים מיוחדים חזר על הדברות קודש שאך זכינו לשמוע **מרבינו שליט"א**. - מה מאוד גברו הריקודין והשמחה עת שעלה **רבינו שליט"א** על השולחן אשר לפני ה', ומפזז ומכרכר בכל עוז בשבח והודיה להשי"ת, בניגוני אשרנו מה טוב חלקינו, טוב להודות לה', ואילו פינו מלא שירה, וטהר לבנו, נאר אמונה וכו'.

בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, אחר כך עברו כל הקהל לקבל כוס של ברכה, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש בקול שירה וזמרה, ימים על ימי מלך תוסיף וכו'.

*

***שבת קודש פרשת צו***

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת בינער ע"ה (אשת הר"ר **יצחק בינער** הי"ו, בראזיל).

***מתוך השיחה:***

**בנה הר"ר יואל משה:** מיין טאטע האט מיר געזאגט, אז ער געדענקט נישט אז זי זאל אמאל רעדן לשון הרע.

**רבינו:** איך האב געזען שטיין פונעם **חפץ חיים**, אז א רב האט זיך אמאל אפגערעדט פאר אים, אז ער האלט דרשות און ער זאגט מוסר, און ער זעהט נישט אז ער זאל עפעס אויפטון, אז עס זאל זיך עפעס רירן. האט אים דער **חפץ חיים** געזאגט, איך וואלט געוואלט האבן א חלק אין אייערע דרשות.

פרעגט אים דער רב, אז עס טוט גארנישט אויף, וואס איז עס ווערט. האט אים דער **חפץ חיים** געזאגט, אז יודען זיצען א שעה און מען רעדט נישט קיין לשון הרע, אזויפיל האסטו זיכער אויפגעטון.

יודען פאלגען, וואס מען הייסט זיי, טוען זיי. ווען מען הייסט אז מען דארף זיך פרייען, פרייען זיי זיך. ווען מען הייסט זיי טרויערן, טרויערן זיי. עס איז די איינציגסטע מאל וואס עס קומט אויס, אז אינמיטן א אבילות זאל מען אראפנעמען צוויי טעג וואס איז שמחה, און נאכדעם צוריקגיין צו די אבלות. יום טוב האקט אפ, אבער פורים נעמט מען ארויס צוויי טעג, און נאכדעם גייט מען צוריק צו די אבלות.

**א' המנחמים:** איך האב געהערט פון רבי יצחק אייזיק קרישעוועסקי, אז ער האט נאכגעזאגט, אז יודען לעבן פונעם זכות פון חנוכה און פורים. ווייל חנוכה און פורים מאכט מען נישט הבדלה, ווערט עס נמשך אויף ווייטער. חנוכה און פורים בלייבט איבער אויף א גאנץ יאר.

**רבינו:** עס שטייט פונעם **חידושי הרי"מ** אז מוצאי שבת שמעקט מען בשמים, ווייל שבת האט מען א נשמה יתירה, און מוצאי שבת גייט די נשמה יתירה אוועק, און כדי להחיות את הנפש שמעקט מען בשמים. תוספות (פסחים קב:) איז דן צו יום טוב איז אויך דא א נשמה יתירה צו נישט. פון איין צד זעהט מען אז מוצאי יום טוב שמעקט מען נישט קיין בשמים ביי הבדלה, איז א סימן אז עס איז נישטא א נשמה יתירה. אבער פון די אנדערע זייט זעהט מען, אז ווען מען גייט אריין פון שבת צו יום טוב שמעקט מען אויך נישט קיין בשמים, איז דאך טייטש, אז יום טוב איז אויך דא א נשמה יתירה. ווייל אויב נישט, וואלט מען געדארפט שמעקן בשמים. איז דא יום טוב א נשמה יתירה צו נישט?

האט דער **חידושי הרי"מ** געזאגט, אז יום טוב איז אויך דא א נשמה יתירה אזוי ווי שבת. און וועגן דעם, ווען מען גייט אריבער פון שבת צו יום טוב שמעקט מען נישט קיין בשמים. איי וואלט מען מוצאי יום טוב געדארפט שמעקן בשמים, זאגט ער, די נשמה יתירה פון יום טוב בלייבט שטענדיג, עס גייט נישט אוועק. ווייל שבת איז א קדושה וואס איז קביעא וקיימא, די נשמה יתירה קומט פון אויבן, אבער יום טוב איז מקדש ישראל והזמנים, מען האט עפעס צוגעטון דערצו, וועגן דעם בלייבט עס אויף שטענדיג. חנוכה און פורים דאס בלייבט אויף שטענדיג.